**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול צו קאלעדזש און אוניווערסיטעט פרעזידענטן: רופן פאר פעלקער-מארד פון אידן פארלעצט ניו יארק סטעיט און פעדעראלער געזעץ**

***אין א בריוו שרייבט גאווערנער אז די סטעיט וועט אינפארסירן פארלעצונגען פון דעם מענטשן רעכטן געזעץ און אריבערשיקן פארלעצונגען פון טייטל 6 פון דעם ציווילע רעכטן אקט פון 1964 צו פעדעראלע בעאמטע***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס אנגייענדע שריט צו באשיצן ניו יארקער נאכפאלגנדיג אויפשטייג אין האסע און דיסקרימינאציע פארברעכנס***

***גאווערנער האקול'ס בריוו קען געזעהן ווערן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול [האט ארויסגעשיקט א בריוו](#) צו די פרעזידענטן פון קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט זאגנדיג אז רופן פאר פעלקער-מארד וואס ווערן געמאכט אויף קאלעדזש קאמפוסעס זענען א פארלעצונג פון ניו יארק סטעיט מענטשן רעכטן געזעץ און אזוי אויך פון טייטל 6 פון דעם ציווילע רעכטן אקט פון 1964. דער בריוו פאלגט נאך די קאנגרעס פאראהער אויף אנטיסעמיטיזם וואו עטליכע אוניווערסיטעט פרעזידענטן האבן פארפעהלט צו פארדאמען קלאר און דייטליך אנטיסעמיטיזם און רופן פאר פעלקער-מארד אויף קאלעדזש קאמפוסעס.

די גאווערנער האט פארזיכערט אז ניו יארק סטעיט וועט אינפארסירן פארלעצונגען פון דעם סטעיט מענטשן רעכטן געזעץ און אז זיי וועלן אריבערשיקן פארלעצונגען פון טייטל 6 פאר פעדעראלע בעאמטע זיך צו אפגעבן מיט זיי. א רוף פאר פעלקער-מארד וואלט פארררעכנט געווארן אלס א דירעקטע פארלעצונג פון די תקנות פון די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) און די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY), און גאווערנער האקול האט דאס קלאר געמאכט אז אלע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין די סטעיט זענען ערוואַרטעט צו היטן אויף די זעלבע סטאנדארט און צו האבן א קלארע און פובליציירטע וועג פאר מענטשן צו באריכטן קאמפלעינטס.

אום דעצעמבער 8 האט גאווערנער האקול [אנאנסירט](#) דעם בריוו ביי די שבת דאווענען אין Temple Israel, די פלאץ וואו א גאן אינצידענט און נאכפאלגנדע ארעסט איז פארגעקומען פריער די וואך. די גאווערנער האט אויך באזוכט Temple Beth Emeth אין אלבאני צו מיטטיילן ווערטער פון סאלידאריטעט, און זי האט קלאר געמאכט אז ניו יארק סטעיט טאלערירט נישט קיין האסע און געוואלדטאט אויף קאלעדזש קאמפוסעס.

נאכפאלגנדיג אן אויפשטייג אין האסע און דיסקרימינאציע אינצידענטן אין די וואכן נאך די אקטאבער 7 כאמאס טעראר אטאקעס, האט גאווערנער האקול [מאביליזירט](#) אלע ניו יארק סטעיט מיטלען וואס זענען

דא צו באשיצן ניו יארקער אין איינגעשטעלטע קאמיוניטיס און אויף קאלעדזש קאמפוסעס. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אז ריכטער דזשאנעטען ליפמאן – אלס אן אומאפהעניגער דריטע פארטיי – וועט דורכפירן אן איבערבליק פון די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק'ס פאליסיס און פראצעדורן אין באציאונג צו אנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאציע און ארויסגעבן רעקאמענדאציעס פאר וויאזוי אלע קאלעדזשעס קענען בעסער היטן אויף די זיכערהייט פון זייערע סטודענטן.

די פולע נוסח פון גאווערנער האקול"ס בריוו איז ווי פאלגנד:

*לכבוד: ניו יארק סטעיט קאלעדזש און אוניווערסיטעט פרעזידענטן*

*די וואך בין איך, פונקט ווי פילע אמעריקאנער, שאקירט געווען צו זעהן די פרעזידענטן פון עטליכע אנגעזעהענע אוניווערסיטעטן – די היינטיגע פירער וועלכע זענען פאראנטווארטליך צו אויפקלערן יונגע מוחות וועלכע וועלן אויפוואקסן צו ווערן די מארגנדיגע פירער – פארפעהלנדיג צו קלאר און דייטליך פארדאמען אנטיסעמיטיזם און רופן פאר פעלקער-מארד פון אידן אויף זייערע קאלעדזש קאמפוסעס.*

*איך האב זיך פארבינדן מיט SUNY טשענסעלאר דזשאן קינג צו זיכער מאכן אז עס איז א פּאליסי ביי SUNY אז רופן פאר די פעלקער-מארד פון סיי וועלכע גרופע פון מענטשן אויף איינס פון SUNY's 62 קאמפוסעס ווערן פאררעכנט ווערן אלס א פארלעצונג פון די SUNY תקנות און אז דאס פירט צו שנעלע דיסציפלין שריט. טשענסעלאר קינג האט באשטעטיגט אז דאס איז אזוי און אז SUNY וועט נישט טאלערירן אנטיסעמיטיזם אדער האסע פון סיי וועלכע סארט. CUNY טשענסעלאר פעליקס מאַטאָס ראדריגעז האט באשטעטיגט אז דאס זעלבע איז אמת פאר CUNY סקולס.*

*אין צוגאב, איז דאס פארפעהלן צו אדרעסירן אזעלכע אקטיוויטעטן א פארלעצונג פון ניו יארק סטעיט מענטשן רעכטן געזעץ און אזוי אויך פון טייטל 6 פון דעם ציווילע רעכטן אקט פון 1964. אונטער טייטל 6, איז סיי וועלכע קערפערשאפט וואס באקומט פעדעראלע געלטער פאראנטווארטליך צו האלטן סטודענטן פריי פון א העסליכע סביבה לויט זייער בלוט אפשטאם אדער נאציאנאלע אפשטאם — א סטאנדארט וואס איז שוין גענוצט געווארן פאר אנטיסעמיטיזם.*

*איך שרייב דא צו אייך צו זיכער מאכן אז אייער מוסד באגייט זיך מיט די זעלבע סטאנדארט אין אייערע תקנות, און אז עס איז דא א קלארע און פובליצירטע וועג פאר מענטשן צו באריכטן קאמפלעינטס. אלס גאווערנער פון ניו יארק, וויל איך ווידערהאלן אז קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן וועלכע פאלגן נישט אויס פעדעראלע און סטעיט געזעצן צו באשיצן סטודענטן קעגן דיסקרימינאציע קענען באשטימט ווערן צו זיין אומבארעכטיגט צו באקומען סטעיט און פעדעראלע געלטער.*

*איך פארזיכער אייך אז אויב סיי וועלכע סקול אין ניו יארק סטעיט ווערט געפונען צו פארלעצן די געזעצן, וועל איך אקטיוויזירן די סטעיט'ס דיוויזיע פון מענטשן רעכטן צו אונטערנעמען אגרעסיווע אינפארסירונג שריט און אז איך וועל אריבערשיקן מעגליכע טייטל 6 פארלעצונגען פאר די אפגעבונג פון די פעדעראלע רעגירונג.*

*די מאראלישע פעלערס וואס זענען קלאר ארויסגעוויזן געווארן דורך די שענדליכע ענטפערס צו פראגן וועלכע זענען געשטעלט געווארן דורכאויס די וואך'ס קאנגרעסיאנאלע פארהער טארן נישט – און וועלן נישט – טאלערירט ווערן דא אין די סטעיט אָוו ניו יארק.*

*איך בלייב ווייטער דאנקבאר פאר די ארבעט וואס איר טוט צו אויסבילדן און באשיצן אונזערע סטודענטן און פאר אייער שותפות ביים האלטן האסע און אפשרעקונג ארויס פון אונזערע קאמפוסעס.*

*אונטערגעשריבן,*

*גאווערנער קעטי האקול*

###